1554

# לעבן

## העפטען פון צייט צו צייט

## פאר ליטעראטור קונסט און פובליציסטיק

אונטער דער רעדאקציע
פון משה שאליט

# פון די מלחמה=יארן

I.

# די אייראפעאישע מלחמה

(א זאמלונג פון יידישע פאָלקס=ווערטלאך,
אַנעקדאָטן, רמזים, בריוו, גראַמען,
לידער, מעשיות און לעגענדעס,
וואָס זיינען געשאַפן
געוואָרן אין דער
צייט פון קריג).

---

געזאמלט און דערקלערט
— פון —
שמואל לעהמאן.

„לעבען" ווילנ
רעד. משה שאלי

# טעלעגראַמעס, בריוו, אונטערהאַנדלונגען און געשפּרעכן צווישן די מלוכות.

## פֿאַר וואָס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה?

1.

דער (קיסר) ווילהעלם האָט געשיקט צום רוסי־ן קיסר אַ טעלעגראַמע און האָט זיך אונטערגעשריבן „ווילהעלם“ און אַזוי ווי אויף רוסיש שרײַבט מען דאָך ווילהעלם מיט אַ „גע“ (ג), האָט דער רוסישער קיסר געלייענט ווײל=גולם—האָט ער זיך באַליידיגט און האָט אים אַרויסגערופֿן אויף אַ מלחמה.

סעפּטעמבער 1914.

2.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט רוסלאַנד געשיקט דײַטשלאַנדן אַ זאַק קאַשע (אַ רמז אויף אַ סך זעלנער) און האָט געזאָגט:

—„נאַ, קענסט עס אויפֿעסן מיט אַמאָל“?

האָט דײַטשלאַנד אים צוריקגעשיקט אַ פֿערטל זעקל פֿעפֿער און ער האָט געזאָגט:

—„איך וועל די קאַשע אויפֿעסן, נישט מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווײַז און דו עס אויף דאָס פֿערטל זעקל פֿעפֿער“...

ווען רוסלאַנד האָט נאָר אויפֿגעגעסן צוויי פֿעפֿער, האָט אים באַלד אָנגעהויבן צו ברענען אויפֿן האַרצן.

יאַנואַר 1915.

3.

דער רוסישער (קיסר) האָט געשריבן אַ בריוו צום קיסר ווילהעלם, אַז ער וויל מיט אים מאַכן שלום און ער וועט אים אָפּגעבן פּוילן, האָט דער קיסר ווילהעלם צוריקגעשריבן, אַז אין דרײַ טעג אַרום וועט ער אים געבן אַ תּשובֿה.

נאָך די דרײַ טעג האָט ער אים געענטפֿערט:

—„אַז דו ווערסט מיר צושטעלן אַזוי פֿיל מײַנע זעלנער, וויפֿל דו האָסט געשריבן בײַ דיר אין די צײַטונגען, אַז דו האָסט גענומען אין „פּלען“ אַרײַן, וועל איך מיט דיר מאַכן שלום.

אויגוסט 1915.

4.

דער רוסישער (קיסר) האָט געשריבן : עם דײַטשן קיסר, אַז ער וויל מיט אים שליסן שלום אויף דעם תּנאַי, אַז ער גיט אים אָפּ פּוילן און דער דײַטשער קיסר זאָל אים אַרויסלאָזן פֿון גאַליציע.

5.

גראַף הינדענבורג האָט געשריבן אַ בריוו צו ניקאָלאַי־ניקאָלאַיעוויטשן:

—„זאָלסט זען, די רוסן זאָלן ניט לויפֿן אַזוי שנעל ווײַל ס'איז אוממעגליך זיי צו דעריאָגן.

מאַי 1915.

6.

אַ דײַטשער עראָפּלאַן האָט אַראָפּגעוואָרפֿן אויף די רוסישע פּאָזיציע אַ [בעזים], האָבן די זעלנער מורא געהאַט צוצוגיין. האָט זיך געפֿונען אַ דרייסטער סאָלדאַט און איז צוגעגאַנגען און האָט ·עם בעזים אויפֿגעהויבן און האָט אים אַוועקגעטראָגן אין שטאַב אַרײַן.

אין שטאַב האָט מען פֿאָרזיכטיק באַטראַכט דעם בעזים, האָט מען אין אים געפֿונען אַ בריוו. איז געשטאַנען געשריבן פֿון דײַטשן קיסר אַזוי: צום וואַרשעווער קאָמענדאַנט:

די פֿאַסט האָסטו שוין אַרויסגעראַמט, די גאָסודאַרסטווענע באַנק האָסטו שוין אַרויסגעראַמט, אַלץ האָסטו שוין אַרויסגעראַמט, איצט נאָ דיר אַ בעזים און גײ קער אויס, ווײַל מײַן באַגאַזש גייט אויפֿן וועג.

אויגוסט 1915.

7.

ס'איז געפֿלויגן אַ דײַטשער עראָפּלאַן איבער וואַרשע און האָט אַראָפּגעלאָזט אַ בריוו מיט אַ בעזים, איז געשטאַנען געשריבן אין בריוו: „גאַריש חזיר, רייניק אָפּ וואַרשע“

יולי 1915.

8.

גראַף הינדענבורג האָט צוגעשיקט אַ באַפֿעל צום וואַרשעווער קאָמענדאַנט:

—„אַזוי ווי איך דאַרף אין קורצן אַרײַן אין וואַרשע, האָב איך געהערט, אַז מען האָט אונטער־געמינירט אַלע בריקן און אַלע רעגירונגס־געבײַדעס, כּדי ווען איך וועל אַרײַנקומען, זאָלן זיי ווערן אויפֿגעריסן. זאָג איך דיר אָן, אויב דו וועסט אַזוי טאָן, וועל איך אויפֿרײַסן און פֿאַרברענען אַלע צערקוועס אין מאָסקווע.

יוני 1915.

9.

דער דײַטשישער (קיסר) האָט באַפֿוילן דעם רוסישן קיסר, אַז וויבאַלד עס וועט אים פֿעלן



1. טעלעגראַמעס, בריוו
2. רוסישע נצחונות אין גאַליציען
3. פֿאַר וואָס געווינט דײַטשלאַנד
4. רוסלאַנדס אָפּטרעטן
5. ניקאָלײַ
6. ווער האָט געווינען די מלחמה? (מײַן אייגענע מיינונג)
7. ליגענדעס וועגן ווילנע
8. רויזן־בלעטלעך
9. בריוו
10. מעשׂיהלעך און ליגענדעס

A war of kings

Overwhelming pro-German sentiment

אַ קימען פון וואַרשע, וועט ער חרוב מאַכן מאָסקווע און פעטערבורג.

10.

דער נאַסלעדניק האָט געגעבן אַ טעלעגראַמע צום קיסר ווילהעלם:

—„מען שלאָגט די דײַטשן,—ווײַנט די מאַמע, מען שלאָגט די רוסן,—ווײַנט דער טאַטע".

11. אויגוסט 1915.

רוסלאַנד און דײַטשלאַנד זײַנען געגאַנגען מאַכן אַ הלואה אין אַמעריקע, האָט מען דײַטשלאַנד גיט געוואָלט באָרגן און רוסלאַנד יאָ.

—„פאַרוואָס?"

—פאַרדעראַפאַר, ווײַל רוסלאַנד, וואָס ער נעמט, גיט ער צוריק,—ער האָט גענומען גאַליציע און האָט אָפּגעגעבן און אַז דײַטשלאַנד נעמט, גיט ער שוין מער ניט צוריק.

סעפּטעמבער 1915.

12.

פראַנקרײַך פרעגט רוסלאַנד:

—„פאַרוואָס פאַרשפּילסטו די מלחמה?"

פאַרענטפערט ער זיך:

—„ס'איז גלײַכער מיט אַ קלוגן צו פאַרשפּילן ווי מיט אַ נאַר צו געווינען".

# רוסישע נצחונות און העלדישקייטן.

## אַן אויסטויש.

1.

ארבעים שנה אקוט בדור—פערציג יאָר האָב איך מיך אָפּגערוט מיט מײַן פאָלק, ואומר—האָט מען מיר געזאָגט: עם תועי—ס'איז דאָ אַ פאָלק, וואָס בלאָנדזשעט און וויל פאַרבלאָנדזשען קײַן קעניגסבערג. לבב—זײַנען זיי פאַרקראָכן קײַן לחאַה. והם לא ידעו דרכי—זיי האָבן מײַנע וועגן קײַן קעניגסבערג ניט געוואוסט, אשר נשבעתי באפי—האָב איך געשוואָרן בײַ מײַן גרימצאָרן, אם יבאון אל מנוחתי—אויב זיי וועלן קומען קײַן קעניגסבערג.

(דאָס האָט, מכלומרשט, געזאָגט דער דײַטשער קייסער).

2.

והחזיר כי מפריס פרסה—דער חזיר שטעקט אויס (אַרײַן) דאָס פיסל, וגרה לא יגר—נאָר מאַווינען וועט ער דאָ ניסט.

(דאָס האָט מען געזאָגט, ווען רוסלאַנד האָט פאַרנומען גאַליציע).

3.

אין די קאַרפּאַטן שטייט אויף אַ מצבה אויפגעשריבן: „קבורת רוסיה פה תחיה"—דער ראשי תיבות דערפון איז קרפת (קאַרפּאַטן).

4.

## גיט רוסלאַנד האָט גענומען פשעמיסל, נאָר פשעמיסל האָט גענומען די רוסן.

ווען דער רוס איז אַרײַן אין פשעמיסל, איז דער קייסער פראַנץ יאָזעף געזעסן פאַרטרויערט,-קומט אַרײַן דער קיסר ווילהעלם און פרעגט אים:

—„וואָל זיצסטו עפּעס אַזוי טרויעריג?" זאָגט ער:

—„וואָס זאָל איך ניט זיצן טרויעריג, די רוסן האָבן צוגענומען פשעמיסל!"

זאָגט דער קיסר ווילהעלם:

—„ס'איז ניט אמת, פשעמיסל האָט גענומען די רוסן".

5. יולי 1915.

דער עסטרײַכישער קיסר איז געקומען צום קיסר ווילהעלם און האָט פאַר אים געוויינט און געקלאָגט: „זע נאָר, זיי זײַנען געקומען צו דיר קײַן קעניגסבערג, האָסטו זיי באַלד אַרויסגעטריבן און בײַ מיר האָבן זיי שוין צוגענומען לעמבערג און פשעמיסל און זיי זײַנען שוין אין די קאַרפּאַטן און דו טרײַבסט זיי ניט אַרויס.

האָט דער קיסר ווילהעלם געענטפערט:

—„צו מיר האָב איך זיי ניט אַרײַנגעלאָזן און פון דיר וועל איך זיי ניט אַרויסלאָזן".

אויגוסט 1915.

6.

—דו ווייסט, דער רוס האָט אײַנגענומען.

—וואָס?

—אַ מיתה משונה.

7.

ס'האָט אַ סאָלדאַט געזאָגט:

—„דאָ איז ער אַ קאָזאַק, זאָל ער נאָר קומען קײַן סיביר, וועט מען אים שנײַדן".

8.

ווען די קאָזאַקן זײַנען געקומען קײַן לובלין, האָבן זיי געזאָגט:



—„אַף קראַסיווי גאָראָד בערלין (אָך אַ שיינע שטאָט בערלין)!" זיי האָבן געהערט ...לין, האָבן זיי געמיינט בערלין.

1915.

9.

—די רוסן האָבן אײַנגענומען 3 שטאַרקע פּאָזיציעס.

—וואָסערע?

—הײַנט, מאָמענט און הצפירה.

—(עטליכע וואָכן פאַרן אָפּטרעטן פון וואַרשע, האָבן די רוסן פאַרמאַכט די דרײַ יידישע צײַטונגען).

יולי 1915.

10.

—פונדעסטוועגן האָט פאָניע באַוויזן אַ קונץ אין דער מלחמה. ער האָט באַוואָרנט, אַז קיינער זאָל שוין ניט קענען נעמען פעטערבורג.

—פאַרוואָס?

—ווײַל ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן פעטראָגראַד.

11.

—פאַרוואָס האָט מען עפּעס פעטערבורג אַ נאָמען געגעבן פעטראָגראַד?

—ווײַל, אַז איינער איז געפערליך קראַנק, בײַט מען אים צו אַ נאָמען.

דעצעמבער 1914.

12.

## ווי אַזוי רוסלאַנד נעמט אַ סך געפאַנגענע.

נאָך אַ שלאַכט גייט דער גענעראַל צו יו

דעין אָפיציר און פרעגט אים: „וויפיל האָסט געפאַנגענע דײַטשן?" זאָגט ער למשל: „דרײַ". דערנאָך גייט ער צו צו אַ צווייטן און פרעגט אים: „וויפיל 'האָסטו געפאַנגענע?" זאָגט ער למשל: „צוויי". שרײַבט דער גענעראַל אויף נעבן דעם דרײַ אַ צוויי—32. דערנאָך גייט ער צו צו אַ דריטן און פרעגט אים ווײַטער: „וויפיל האָסטו געפאַנגענע?" זאָגט ער למשל: ער האָט גאָר ניט. שרײַבט דער גענעראַל אויף נעבן דעם צוויי אַ נאָל—320. דערנאָך גייט ער צו צו אַ פערטן און פרעגט אים, צי ער האָט עפּעס געפאַנגענע, זאָגט ער: (למשל) „ניין". שרײַבט דער גענעראַל ווײַטער אויף אַ נאָל—איז שוין 3200 געפאַנגענע.

13.

פ. ס. אַ. (ראשי־תיבות פון פעטערבורגער טעלעגראַפן אַגענטור) מאַכט: פּוסטע טײַטשט אַנדערש.

14.

דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: ווער עס וועט אים ברענגען הינדענבורגס קאָפּ באַקומט 30 טויזנט רובל.

האָט הינדענבורג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: ווער עס וועט ברענגען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשעס קאָפּ, קריגט אַ מאַרק, ווײַל זײַן קאָפּ איז מער ניט ווערט ווי פאַר די הינט צו וואַרפן.

# פאַרוואָס געווינט דײַטשלאַנד און רוסלאַנד מוז פאַרשפּילן?

1.

—אונזערער וועט געווינען.

—פון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער?

—ווײַל דער, וואָס וועט געווינען, וועט דאָך דער זײַן אונזערער.

1914.

2.

גאָט שלאָגט זיך מיט ערד און געווינען וועט גאָט.

(גאָט איז די ראשי־תיבות פון גערמאַניע, אַוסטריע, טערקײַ).

3.

ווי אַזוי קען רוסלאַנד געווינען, אַז ער שלאָגט זיך מיט גאָט.

4.

איידער דער דײַטשער קיסר איז געגאַנגען אונטערשרײַבן די מלחמה מיט רוסלאַנד, האָט ער געשיקט רופן די גרעסטע הײבין *) און האָט זיך געפרעגט בײַ איר:

—„ווי זאָגסטו, איך גיי האַלטן מלחמה, וועל איך געווינען?"

האָט זי געזאָגט:

—„איך בין אַ הײבין, ווייס איך, ווען איך זע, אַז אַ קינד גייט מיט די פיסלעך אָדער מיט די הענטלעך, וועט עס שוין ניט לעבן, אָבער

*) 1) אין דער גמרא ווערט אַ הײבין אָנגערופן חכמה. עס איז אויך דאָ אַ פאָלקספראַגע:
—פאַרוואָס ווערט אַ הײבין אָנגערופן אויף גמרא־לשון חכמה? ווײַל איזהו חכם הרואה את הנולד.

אז עס גייט מיטן קאפּ, וועט עס לעבן. דו
גייסט דאך מיטן קאפּ 2) וועסטו געווינען.

1914.

5.

די פאראייניגטע מלוכות מוזן פארשפּילן,
ווייל זיי שלאגן זיך מיט גאט און אז מען שלאגט
זיך מיט גאט, ווערט פון אלץ א תל, א קופּע
ערד. און ערד איז דאך עפּר און עפּר איז די
ראשי־תיבות פון ענגלאנד, פראנקרייך, רוסלאנד.

דעצעמבער 1914.

6.

דייטשלאנד גייט מיט דער נאטור און גאט
איז איבער דער נאטור און גאט איז מיט אים—
איז דאך דא גאט און נאטור, דאדורך געווינט ער.

7.

מיט דעם רוס שלאגט זיך א טויטע ארמיע,
דאדורך מוז ער פארשפּילן.

טויטע ארמיע—דאס זיינען די יידן און
רביים, וואס די רוסן האבן זיי אומשולדיג
געהאנגען און געשאסן.

dead army of Jews

8.

דאס יידישע פארגאסענע בלוט
באצאלט אים גאנץ גוט,

ער וועט האבן צו געדיינקען,
ער וועט זיך אין די הייזער ארומבלאנקען.

וואו ער וועט קומען,
וועט מען אים גארנישט געבן.

...ער וועט שטיין ביי דער טיר,
ווי אן אפּגעקומענער גביר.

1915.

9

א דייטשער זעלנער איז ארויסגעגאנגען נאך
וואסער, האט ער פונדערווייטנס דערזען עטליכע
רוסישע סאלדאטן און האט אויסגעשטעלט זיין
ביקס צום שיסן.

שרייען די רוסישע סאלדאטן:

—„האלט! צי דו ווייסט ניט, אז ביי אונז
איז ניטא קיין געווער?“

מאי 1915.

10.

איין סאלדאט האט געזאגט צום צווייטן:

—„סטרעליאי“ (שיס):

האט דער צווייטער געפרעגט:

—„טשעם (מיט וואס)?“

האט דער ערשטער געענטפערט:

—„פּאראכאם“ (מיט פּולווער).

א יעסלי ניע בודיעט (און ווי באלד ס'וועט ניט זיין)?

—טא גאראכאם (איז מיט ארבעס).

11.

א יידישער זעלנער האט געזאגט:

—„ווי אזוי קען רוסלאנד געווינען, אז קאק
(какъ—ווי אזוי) איז א ווארט און ניקאלאי
ניקאלאיעוויטש איז דער פירער און איך בין דער
זעלנער

famous joke

—„ווי אזוי קען דער רוס געווינען, אז קאק
איז א ווארט און שטשי איז דאס מאכל און
ניקאלאי איז דער קיסר און איך בין דער זעלנער“.

## רוסלאנדס אָפּטרעטן און דייטשלאנדס אריינקומען.

1.

—קיינער זאגט ניט אזוי פיל אשר־יצר ווי
רוסלאנד:

—פאר וואס?

—ווייל אומעטום גייט ער ארויס...

יולי 1915.

scatalogical

2.

דעם רוס דארף מען מאכן אן אפּעראציע—
ער האט אלעמאל דעם דייטש אין הינטן (טיל).

יולי 1915.

3.

פאניע דער רין
פארדינט זיך א פּריז,—
ניט פון גבורות
נאר פון מאכן פיס.

4.

דא גייען די עם תועי לוואה.
האט מען געזאגט אויפן רוסישן מיליטער,
ווען ס'איז צוריק ארויס פון גאליציע.

5.

—פאר וואס איז דער רוס ארויס פון לעמבערג?

2) ד. ה. מיט קאפּ—מיט חכמה.



—ווייל אזוי ווי דער הויפּט־קאמאנדיר האט
ארויסגעגעבן א באפעל, אז די אלע, וואס זיינען
אריינגעקומען אין די שטעט נאכן ערשטן יולי
1914 מוזן ארויס, און דער רוס איז דאך אריינ־
געקומען קיין לעמבערג נאכן ערשטן יולי, דא־
דורך האט ער געמוזט ארויס.

יוני 1915.

6.

דער רוס מאכט א באל, ער פארבעט אלע
קיין רוסלאנד.

ער עוואקואירט קיין רוסלאנד.

יולי 1915.

7.

די אנדערע וואך וועט מען פארמאכן די
יאסודארסטווענע באנק און דעם שליסל וועט מען
אהינשיקן דעם קיסר ווילהעלם.

יולי 1915.

8.

אויף דעם בריק איז אויפגעקלעפּט א קוויטל,
אז קיין ליגנער טאר אויף דעם בריק ניט גיין,
ווייל ער איז מינירט און, מ'קען נאך אריינפאלן
אין וואסער אריין.

איידער די רוסן זיינען ארויס פון
ווארשע, האט מען פון איין זייט בריק
פארווערט צו גיין, ער האט געזאלט זיין
מינירט.—

דער שפּרוך איז געבראכט געווארן
אין ווארשע, ווען מ'האט געהערט איינעם
זאגן א ליגן.

9.

ניקאלאי ניקאלאיעוויטש האט געשריבן צום
רוסישן קיסר, אז ער זאל זיך ניט דערוועגן צו
קומען אויף דער פּאזיציע, ווייל די פּאזיציע
דערנענטערט זיך צו אים.

אווגוסט 1915.

10.

—פאר וואס איז דער רוס אריבער קיין פּראגע?

—ווייל מ'האט ארויסגעגעבן א באפעל, אז אלע
פערד זאל מען אריבערפירן אויף יענער זייט
ווייסעל—איז ער אריבער.

די רוסן זיינען ארויס פון ווארשע
קיין פּראגע, וואס ליגט פון יענער זייט
ווייסעל און זיי האבן זיך דארט פארי־
טיידיגט עטליכע טעג און די
גרויסע ארמיע האט אויף אזא אופן געקענט
אין דער צייט אָפּטרעטן וואס ווייטער.

אווגוסט 1915.

11.

—פון די פינקער בלאטעס וועט מען דעם
רוס שוין ניט קענען ארויסציען.

—פאר וואס?

—ווייל א חזיר האט ליב צו נארן אין די בלאטעס.

12.

דער רוס איז ארויסגעגאנגען און דער דייטש
איז אריינגעטראטן.

13.

די יידישע טרער
און דעם דייטש געווער
וועלן פאריאגן
דאס רוסישע מיליטער.

14.

איידער די דייטשן זיינען אריינגעקומען קיין
לובלין, איז איבער דער שטאט געפלויגן אן
עראפּלאן און האט אראָפּגעװאָרפן פּראקלאמאציעס
אין געשטאנען געשריבן:

די יידישע טרער
און ס'דייטשישע געווער
וועלן מאכן א תל
פון רוסישן בער.

15.

דער דייטש גייט צו רוסן.

ווארשפּיל אויף צעריסן. 1914.

16.

דער דייטש איז אויף צהות, ער גייט צו רוסן.

17.

מ'זאגט, אז דער דייטש האט שוין ניט אויף
קיין קאפּעט—ער גייט צו רוסן.

18.

דעם דייטשישן קיסר האט מען געמאכט אן
אפּעראציע אויפן ויהיסמעס, דערפאר קען ער
ניט איינזיצן אויף קיין ארט. 1915.

19.

דער דייטש איז באנקראט—ער נעמט און גיט
ניט צוריק. מאי 1915.

20.

ווען די דייטשן זיינען אריינגעקומען דאס
דריטע מאל קיין לאדז, האבן זיי געזאגט:

—„דאס ערשטע מאל איז געווען דער באזוך,
דאס צווייטע מאל—די פארלאבונג, דאס דריטע
מאל—די האכציים.

ד. ה., אז נאך דעם דריטן מאל וועט ער
שוין דארט פארבלייבן און ניט ארויסגיין.

אפּריל 1915.

21.

אין לאדז איז דא משיח:

ד. ה., ס'איז דארט זעהר גוט.—דאס איז געברויכט געווארן אין ווארשע, ווען דער דייטש איז געווען אין לאדז.

22. יאנואר 1915.

דייטשלאנד האט אים אין לוויטש.

מ'האט דערמיט געמיינט, אז לוויטש איז פארנומען געווארן פון די דייטשן. דאס ווערטל האט אויך א צווייטע באדייטונג: מ'זאגט אין פאלק א ווערטל: „כ'האב דיך אין לוויטש", ד. ה. איך פרעג ניט נאך דיר.

23.

לאדז מיט בלוט,
איוואנגראד מיט גליק,
ווארשע מיט מוזיק.

דאס איז געווען פארשפרייט מיט א צייט פריהער, איידער די דייטשן האבן פארנומען ווארשע.

24.

א דייטשישער אעראפלאן איז געפלויגן איבער ווארשע, האט מען גענומען אים שטארק באשיסן און ער איז צוריק אוועק. ווען ער איז צוריקגעפלויגן האט מען געזען, אז דער עק איז ביי אים ניטא—ער איז געבליבן ביי רוסלאנד..

25. יולי 1915

גראף הינדענבורג מיט זיין ארמיע איז קראנק געווארן, האט מען באשטימט זיי צו שיקן קיין אטוואצק אויף קורציע.

דאס האט מען געזאגט, ווען ס'איז שוין געווען קלאנגען אין ווארשע, אז די דייטשן זייגען אין אטוואצק.

26.

דער קיסר ווילהעלם איז שוואך, ער קומט קיין אטוואצק אויף קורציע.

27. אויגוסט 1915.

מ'האט געפרעגט א דייטשישן וועלנער:

—„געוואלד און געשריהען, איר זייט שוין געווען אזוי נאהענט פון ווארשע, פאר וואס זייט איר אוועקגעגאנגען"?

האט ער געענטפערט:

—„הע, איר מיינט, אז ס'איז א פולע (אדער א פערטל גענזענס) אויפצועסן, ס'איז אויפצופרעסן א גאנץ חזיר.

28.

## א מיטל די דייטשן זאלן ניט קענען אריינקומען קיין ווארשע.

אזוי ווי דער רוסישער שטאב האט זיך דערוואוסט, אז די דייטשן רוקן זיך צו וואס נעהנטער צו ווארשע, האט מען געקלערט א פלאן ווי אזוי זיי איינצוהאלטן, זיי זאלן קיין ווארשע ניט אריינקומען. איז געגאנגען דער העכסטער הויפט-קאמאנדיר און האט ארויסגעגעבן א באפעל, אז מ'זאל קיינעם ניט אריינלאזן קיין ווארשע, נאר דעם, וואס וועט האבן א פראפיסק.

—אויף אזא אופן וועט דער דייטש שוין ניט קענען אריינקומען, ווייל ער האט דאך ניט קיין פראפוסק. יוני 1915.

29.

דער רוס האט דעם דייטש פארזאגט קיין ווארשע.

30.

—פאר וואס איז ווארשע געפאלן?

—פאר נאוואגעארגיעווסק.

31.

דייטשלאנד האט זיך באנארישט.

—פאר וואס?

—ער איז אריינגעגאנגען קיין כעלם.

## ניקאלאי, דער נאסלעדניק און ניקאלאי ניקאלאיעוויטש.

1.

ניקאלאי איז געווארן א שרייבער: ער שרייבט מאניפעסטן.

אין אנהייב מלחמה איז כמעט יעדן טאג געווען אן אנדער מאניפעסט אונטערגעשריבן „ניקאלאי".

2.

—אז ניקאלאי וועט פארשפילן די מלחמה, וואס פאר א שטראף קומט אים צו געבן?

—מען וועט אים געבן א יידישן פאס און אים אוועקשיקן קיין רוסלאנד. פעברואר 1915.

3.

ניקאלאי האט אנגענומען א פאדריאד צוצושטעלן פלייש.

עס ווערט געמיינט די גרויסע צאל מענשליכע קרבנות, וואס רוסלאנד שיקט



אויפן שלאכט אויסגעהרגעט צו ווערן.

4.

מ'האט געזאגט, אז ס'איז געווען א קאריקאטור ווי דער קיסר ווילהעלם שטייט ביי א פלייש-מאשינקע און דרייט און דער רוסישער קיסר לייגט אריין דאס פלייש.

5. מאי 1915.

מ'האט געפרעגט דעם נאסלעדניק, וואס ער זאגט וועגן דער מלחמה.

האט ער געענטפערט:

—„אז דער טאטע מיט דער מאמען קריגן זיך, וויל איך מיך ניט אריינמישן". ספטעמבער 1915.

6.

ביי דעם קיסר אין שטוב וויינט מער פון אלעמען דער נאסלעדניק, ווייל האט דער דייטש א נצחון, וויינט דער טאטע, האט דער דייטש א מפלה, וויינט די מאמע, קומט דעם נאסלעדניק אויס אלעמאל צו וויינען. מאי 1915.

7.

דער קיסר האט געזאגט צו ניקאלאי ניקאלאיעוויטשן: „שטעל אפ די מלחמה, ס'איז שוין גענוג בלוט פארגאסן געווארן".

האט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש געענטפערט:

—כל-זמן דעם שונא'ס א פוס וועט זיך געפינען אויף דער רוסישער ערד, וועל איך ניט אויפהערן מלחמה צו האלטן און דו אליין וועסט אויך מוזן גיין.

8.

דער קיסר האט געפרעגט ניקאלאי ניקאלאיעוויטשן: „ווי לאנג וועט מען עס אזוי מלחמה האלטן?"

האט ער געענטפערט:

—„ווי לאנג עס וועלן זיין אין לאנד די יידן".

## ווער וועט געווינען די מלחמה?

Messianic

1.

אין דער צייט, ווען מ'האט געקרוינט ניקאלאי דעם צווייטן, האט מען אין אלע שטעט און שטעטלעך, אין די שולן און אין די בתי-מדרשים, געדארפט שווערן, אז מען זאל געטריי דינען דעם קיסר. האט דער סאכאטשאווער רבי אברעמעלע געוויזן מיט די פינגער צוויי און די באדייטונג פון די צוויי האט קיינער ניט געוואוסט, נאר ווען ס'האט זיך געמאכט דער יאפאנישער קריג איז געווען צוויי כתות: איינע האט געהאלטן מיטן רוס און איינע האט געהאלטן מיט יאפאניע.

איינמאל האט זיך דער סאכאטשאווער רבי ארומגעדרייט אין בית-המדרש און דער עולם האט זיך געשפארט איינער מיטן אנדערן: דער האט געזאגט דער רוס וועט געווינען און דער האט געזאגט יאפאניע וועט געווינען, איז מען צוגעגאנגען צום רבין און מ'האט אים געפרעגט: „וואס וועט זיין מיט דער איצטיגער מלחמה?"

האט ער געזאגט:

—„די מלחמה וועט רוסלאנד פארשפילן, נאר עס דארף זיין נאך א מלחמה און דעמאלט וועט ער שוין אין גאנצן פארשפילן".

און דאס—זאגט מען—האט ער געמיינט מיט די צוויי פינגער—די צוויי מלחמות. 1915.

2.

פון א דארף האט א ייד מיט דער גאנצער פאמיליע געמוזט אנטלויפן צוליב דעם באפעל פון קאמענדאנט. דער ייד האט געהאט זיין פארמעגן א פאר טויזנט רובל, האט ער, ביים אוועקגיין דאס געלט ניט גענומען, ווייל ער האט גערעכנט, אז ס'ווייב וועט עס נעמען, דאס ווייב ווידער האט גערעכנט, אז דער מאן וועט עס נעמען.

אויפן וועג, ווען דער ייד איז געוואר געווארן, אז דאס געלט איז דארט געבליבן, האט ער באשלאסן צוריק צוגיין.

ווי ער גייט אזוי צוריק, טרעפט אים א ציגאנקע—פרעגט זי אים:

—„פון וואנען גייסטו און וואוהין גייסטו און נאך וואס גייסטו?"

האט ער איר געענטפערט אויף יעדער פראגע.

האט זי אים געזאגט, אז צוריקקערן זאל ער ניט, ווייל דער וועג איז א שרעקליכער און דאס געלט האט גענומען א סאלדאט פון דער און דער ראטע. און זי האט דערביי אנגערופן דעם נאמען פון סאלדאט.

דער ייד האט זי, אבער, ניט געוואלט הערן און איז געגאנגען.

דער וועג איז באמת געווען א שרעקליכער, נאר דאך האט ער זיך דערשלאגן צום דארף. ווי ער איז אריינגעקומען צו זיך אין שטוב אריין, האט ער דארט געטראפן א סך סאלדאטן. און דאס געלט איז שוין אויף דעם ארט ניט געלעגן.

איז דער ייד אוועק צום קאמענדאנט און האט

געזאַנגען אין די שולן זוכן יידן און אַזוי ווי זיי האָבן קיין יידן דאַרט ניט געפונען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיין איבער די שטובן און צו ראַבירן. דערווייל האָט זיך דערהערט אַ מוזיק פון די דייטשן. וואָס זיינען צריין אין שטאָט און זיי האָבן אַ סך פון די קאָזאַקן געכאַפּט און אויסגעהרגעט. אַ געוויסער טייל קאָזאַקן האָט באַוויזן צו אַנטלויפן.

די יידן האָבן פאַר פרייד געכאַפּט די ספרי-תורות און זיינען מיט זיי ארויס אויפן גאַס און מ'האָט געבענטש גומל און מען האָט געפאַסט אַ יום-כפור צוזאַמען מיט אַ פרייד.

ווער די יידיגע איז געווען ווייסט קיינער ניט.

אָקטאָבער 1915.

2.

איידער די דייטשן זיינען אריינגעקומען קיין ווילנע, איז אַן אַלטיטשקער דושאַד אַרומגעגאַנגען איבער די יידישע שטובן און האָט געהייסן מ'זאָל זיך באַהאַלטן אין די קעלערס און ער אַליין האָט זיך אויך באַהאַלטן אין אַ קעלער.

ווי די קאָזאַקן האָבן געהאַלטן אין אַפּטרעטן זיינען זיי אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט און האָבן נאָר געזוכט יידישע מיידלעך און האָבן ראַבירט.

דערווייל זיינען פון אַלע זייטן שטאָט אָנגעקומען דייטשן, וועלכע האָבן געכאַפּט די קאָזאַקן און זיי אויסגעהרגעט.

און דער אַלפּיטשקער ייד איז פאַרשוואונדן געוואָרן. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז געווען.

אָקטאָבער 1915

3.

מען דערציילט, אַז דער ווילנער גאון האָט געזאָגט: אַזוי ווי ס'איז ניט מעגליך צו צוקוועטשן אַן איי ביי ביידע שפּיצן, אַזוי איז ניט מעגליך, אַז די רוסישע מלוכה זאָל דאָ (אין ווילנע) בלייבן.

סעפּטעמבער 1915.

4.

דער ווילנער גאון האָט איבערגעלאָזט אַ ברכה אויף דער שטאָט, אַז זי וועט קיינמאָל ניט ברענגען און זי וועט ניט האָבן קיין פאַרפּלייצונג און עס וועט ניט זיין קיין מגפה, נאָר די יידן זיינען דאָך אָבער אין גלות און ווען זיי וועלן פון דעם גלות פּטור-ווערן, וועט די שטאָט גענומען ווערן אַן אַ שמיץ.

סעפּטעמבער 1915.

5.

מ'זאָגט, אַז אין ווילנע, אַזוי ווי מען האָט אין שול געגעבן אַ געשריי=אויס: „המלך!“, זיינען אריינגעקומען די דייטשן אין שטאָט אריין.

אָקטאָבער 1915.

---

## חוזק=ווערטלעך.

1.

פּאַניע מיטן רוס שלאָגן זיך און אונזערער גייט צוהילף.

2.

רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד שלאָגן זיך און אונזערער גייט צוהילף.

3.

איטאַליע גייט זיך שלאָגן און רוים גייט איר צוהילף.

4.

דער דייטש האָט געכאַפּט אַ פּראָבנציו אין די הויזן.

5.

דער דייטש האָט געכאַפּט אַ ריס אין די הויזן.

6.

ענגלאַנד האָט געשוואוירן, אַז זי וועט זיך שלאָגן ביזן לעצטן רוסישן זעלנער.

7.

אַ האָן האָט געלייגט אַן איי אויף דער רוסישער גרעניץ; צו וועמען געהערט עס: צי צו רוסלאַנד צי צו דייטשלאַנד?

---



# ב ר י ו ו.

## בריוו פון דער פּאָזיציע, אַז מען טרעט אָפּ.

1.

ליבער, געטרייער פריינד!

איך האָב די לעצטע צייט אָנגעהויבן זיך צו רוקן פאָרווערטס, אַזוי ווי אַ ייד ביי שמונה עשרה.

יוני 1915.

2.

ליבער, געטרייער חבר!

אַזוי ווי איך בין אַוועקגעפאָרן אין דער ישיבה אריין און כ'האָב מיך דאַרטן גאַנץ גוט געלערנט, נאָר וואָס קומט אָבער ארויס. דער רבי האָט ניט געקענט פירן די ישיבה, איז זי געגאַנגען לאיבוד און ס'איז אָנגעקומען אַן אַנדער רבי און אַזוי ווי דער ערשטער רבי איז אַוועק, זיינען מיר מיט אים מיט...

3.

## אַ בריוו פון דער פּאָזיציע, אַז מען גיט זיך איבער אין פלען.

ליבער פריינד!

די לעצטע צייטן האָבן אָנגעהויבן צו גיין אונזערע געשעפטן ניט גוט, אַ סך האָבן אָנגעהויבן צו גיין מיט ווייסע טיכלעך.

יולי 1915.

4.

ס'האָט איינער געשריבן אַ בריוו: „כ'האָב געהערט, אַז בועז'ס ווייב (ד. ה. רוס) האָט געהאַט אַ מפּלה“.

5.

ס'האָט איינער געשריבן אַ בריוו פון לאָדז און האָט זיך אונטערגעשריבן: „ישראל בירושלים“. ד. ה. די יידן זיינען אין ירושלים—ס'איז זעהר גוט.

אַפּריל 1915.

6.

ס'איז געקומען אַ בריוו פון לאָדז, איז געשטאַנען געשריבן צווישן די שורות: „אַז מען זוכט, געפינט מען“ (אָדער: „זוכטס ווייטער“) מיט פּינטעלעך. האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן צווישן די שורות און צו לייענען אין מאָל און נאָך אַ מאָל און מ'האָט גאָרניט געפונען. פּאַלט איינעם איין, ער זאָל אראָפּנעמען די מאַרקע. איז געשטאַנען געשריבן: „ס'זאָל אייך זיין אַזוי וואויל, ווי אונז איז וואויל“.

7.

זאָלסט וויסן, מיין ליבער פאָטער, ביי אונז איז גאַנץ שלעכט, ס'איז ניטאָ צו עסן, ס'איז ניטאָ צו פאַרדינען, מען פייניגט אונז זעהר. איך האָב געהערט, אַז דו האָסט גרויסע נצחונות.

פון מיר דיין טאָכטער תמר

(ד. ה. טאַמער פאַרקערט).

8.

דו ווייסט דאָך דעם שידוך, וואָס כ'האָב געטאָן. שטעל דיר פאָר, די מחותנים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און חתן-כלה האָבן זיך געפעלן, מ'האָט געגעסן און געטרונקען און געהוליעט. אין קורצן וועלן מיר זיין ביי דיר און יאַסעלע זאָגט אויכעט, אַז ער וועט ביי דיר זיין.

זיי געזונד און שטאַרק, אין קורצן וועלן מיר זיך זעהען.

אַפּריל 1915.

9.

ליבער פריינד!

דו ווייסט דאָך, מיין פריינד, אַז מיין ווייב איז געשטאָרבן, זי איז אפילו געווען אַ גאַנץ גוטע, נאָר מען מוז דאָך אָבער פאָרט חתונה האָבן. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דאָס צווייטע ווייב איז שלעכט, נאָר וואָס זאָל מען אָבער פאָרט טאָן, אַז מען מוז חתונה-האָבן. שטעל דיר פאָר, כ'האָב חתונה געהאַט מיט אַ צווייטע ווייב און ס'איז מיר גאַנץ גוט און שטעל דיר פאָר, אַז דאָס צווייטע איז נאָך בעסער ווי דאָס ערשטע.

מאַי 1915.

10.

ליבער פריינד!

מיט די ערשטע פרוי האָב איך אָפּגעלעבט אַזאַ און אַזאַ צייט און זי האָט מיך זעהר שלעכט באַהאַנדלט, נאָר גאָט האָט געהאָלפן, כ'האָב זיך מיט איר געגט און האָב חתונה געהאַט מיט אַ צווייטע און אויף אַלע יידן געזאָגט זאָלן אַזוי טרעפן.

---

האָט ער זי געפֿרעגט:

— „וואו גייסטו און פון וואַנען גייסטו?"

האָט זי אים דערציילט, אַז מען האָט אַלע ייִדן פון איר שטעטל אַרויסגעטריבן און זי איז שוין כמעט די לעצטע. האָט ער זי געפרעגט, צו זי האָט צו עסן. האָט זי געזאָגט, אַז ניט, האָט ער אַרויסגענומען אַ ברייטל און האָט איר געגעבן.

האָט זי געזאָגט:

—„וואָס וועט איר האָבן, אַז איר גיט מיר?"

האָט ער געענטפערט:

— „איך וועל שוין האָבן".

און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון איר.

דאָס ווייבל איז בשלום געקומען אין אַ שטאָט אַריין און זי האָט פון דעם ברויט געגעסן און געגעסן זעהר אַ לאַנגע צייט.

מאַרץ 1915.